גליון 280
אמור תשפ"ו


# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# אַזוֹי וֶועסְטוּ גְרוֹיס וֶוערְן

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה: דֶער וַואלְד-מֶענְטְשׁ הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ כְּלִי פַּארְ'ן אֶמֶתְ'ן בֶּן מֶלֶךְ אוּן אִים גֶעפִירְט צוּ אַ יִשׁוּב. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַּארְ'ן בֶּן מֶלֶךְ: "מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ (דֶער מְשָׁרֵת), וֶועסְטוּ לֶערְנֶען וִויאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן." עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעהֵייסְן נָאכְפְרֶעגְן אִיבֶּער אַ לַאנְד וָואס רוּפְט זִיךְ, "דִי נַארִישֶׁע מְדִינָה אוּן דֶער קְלוּגֶער מֶלֶךְ." עֶר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט: "גֵייט צוּ יֶענֶע מְדִינָה, אוּן דָארְט וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ דַיין גְרוֹיסְקַייט."

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג. יֶענֶע מְדִינָה אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶערִינְגְלְט מִיט אַ הוֹיכְן מוֹיעֶר, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין עֶטְלִיכֶע פַּרְסָאוֹת אַרוּם אוּן אַרוּם כְּדֵי עֶס אַרוּמְצוּקְרַייזְן. וֶוען זֵיי זֶענֶען עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר, הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיינְגֵיין. דֶער מְשָׁרֵת הָאט פְּרוּבִּירְט אִיבֶּערְצוּרֶעדְן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אַז מְ'זָאל צוּרִיק גֵיין אַהֵיים, אָבֶּער דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעעַקְשְׁנְ'ט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער וַואלְד-מֶענְטְשׁ הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט, אַז פּוּנְקְט דָארְט אִין יֶענֶע מְדִינָה וֶועט עֶר טְרֶעפְן זַיין גְרוֹיסְקַייט.

נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי כְּלִי פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶערִיטְן אוֹיפְ'ן פֶערְד, אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעוָוארְן אַ "מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר" אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעזֶען אַז עֶר דַארְף זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען דִי לֶענְדְן כְּדֵי צוּרִיקְצוּגֶעבְּן פַּארְ'ן לַאנְד אִיר אָרִיגִינֶעלְן נָאמֶען.

פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ'ס עַקְשָׁנוּת קֶען מֶען לֶערְנֶען וָואס פַּאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלֶה דָאס אִיז פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס פָאלְגְט אַ צַדִּיק אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק קֶעגְן אַלֶע וָואס פְּרוּבִּירְן אִים אָפְּצוּשְׁוַואכְן אָדֶער מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן זַיינֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת. טַאקֶע אִין דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעהַאט אַסַאךְ שְׁוֶועריִגְקַייטְן בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין לַאנְד, אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט אִים אֲפִילוּ גֶעוָואלְט אִיבֶּערְרֶעדְן עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן צוּרִיקְגֵיין אַהֵיים. אָבֶּער מִיט זַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם צַדִּיק וָואס הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט דָארְט מַצְלִיחַ זַיין, אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן פֶעסְט בַּיי זַיין מֵיינוּנְג אוּן גֶעגְלֵייבְּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעזֶען דִי יְשׁוּעָה פַּאר דִי אוֹיגְן.

נָאכְ'ן קִידּוּשׁ שַׁבָּת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער אַרוֹיס שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער חֶזְקִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן צוּזַאמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע מִתְפַּלְּלִים צוּ הֶערְן אַ שִׁיעוּר אִין "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת". עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן פְּנִים פוּנֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן אוֹיסְגֶעהֶערְט יֶעדֶע וָוארְט מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע.

פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ קְלַאפּ בַּיי דִי טִיר. יַעְנְקִי אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אָן קֵיין אָטֶעם אוּן גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט צוּ חֶזְקִי: "קוּם שׁוֹין אַרוֹיס שְׁפִּילְן מִיט אוּנְז. אִיךְ וִויל דִיךְ הָאבְּן אִין מַיין קְבוּצָה. מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיים אָנְהֵייבְּן, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן וַוארְטְן אוֹיף דִיר."

"נֵיין, יַעְנְקִי, אִיךְ קוּם נִישְׁט," הָאט חֶזְקִי גֶעעֶנְטְפֶערְט. "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק אוֹיסְצוּהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר. אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט לִיגְן בַּאהַאלְטְן הֶערְלִיכֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע רְמָזִים וָואס קֶענֶען אוּנְז שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם."

"נִישְׁט אֱמֶת, חֶזְקִי," הָאט יַעְנְקִי גֶעזָאגְט. "דָאס אִיז פַּאר עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן. מִיר זֶענֶען נָאךְ קִינְדֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁייכוּת צוּ אוּנְז. קוּם שׁוֹין, נָאר פַּאר אֵיין מִינוּט."

"אִיךְ בְּלַייבּ דָא. דוּ קֶענְסְט גֵיין שְׁפִּילְן."

חֶזְקִי הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם שִׁיעוּר, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ כַאפְּן אַ חֵלֶק דֶערְפוּן. "אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אִין לֶעבְּן," הָאט דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר גֶעזָאגְט, "דַארְפְן מִיר אִינְזִין הָאבְּן וִויאַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס נִיצְן צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם. אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ בַּיי הַפְסָקָה, קֶען אִינְזִין הָאבְּן צוּ מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אָדֶער זָאגְן גוּטֶע אוּן פַיינֶע וֶוערְטֶער פַּאר זֵיי אִינְמִיטְן דֶעם שְׁפִּיל."

חֶזְקִי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ זִיךְ אַלֵיין שֶׁעמֶעוְודִיג אוּן גֶעטְרַאכְט: "אִיךְ מוּז זִיכֶער פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק. נָאר אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען וֶוערְן אַ בֶּעסֶער קִינְד, אֵיינֶער וָואס בַּאזִיגְט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת. אוּן אָט קוּק, כָאטְשׁ יַעְנְקִי הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַרוֹיסְצוּגֵיין שְׁפִּילְן, הָאבּ אִיךְ בַּאוִויזְן צוּ בְּלַייבְּן אוּן אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ חִיזּוּק. אִיךְ מֶעג טַאקֶע אוֹיךְ שְׁפִּילְן, אָבֶּער וָואס מֶער אִיךְ וֶועל זִיךְ מְדַבֵּק זַיין אִינֶעם צַדִּיק - דָאס מֵיינְט אוֹיסְהֶערְן אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, אַלְץ מֶער וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ מַיין גְרוֹיסְקַייט אוּן זַיין מֶער בַּאהָאפְטְן צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים."



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"א - מבן מלך ובן שפחה שנתחלפו (6)

**דֶערְנָאךְ אִיז גִיקוּמֶען דֶער מֶענְטְשׁ** פוּן דֶעם וַואלְד. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט אַז עֶר וֶועט זֵיי פִירְן אִין יִישׁוּב אַרַיין. **הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אִין יִישׁוּב אַרַיין**. אוּן עֶר הָאט גִינוּמֶען דִי כְּלִי הַנַ"ל. אוּן הָאט זִי גִיגִיבְּן צוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ. אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. דִי כְּלִי שֶׁענְק אִיךְ דִיר. אוּן מִיט דֶעם (דְהַיינוּ מִיט דֶעם קְנֶעכְט וָואס עֶר אִיז פְּרִיר גִיוֶוען מֶלֶךְ וְכוּ' כַּנַ"ל) וֶועסְטוּ ווִיסִין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אִים. **הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. וִוי הִין זָאלִין מִיר גֵיין**. הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ פְרֶעגִין צוּ דֶער מְדִינָה. וָואס זִי הֵייסְט מִיט דֶעם נָאמֶען. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט**. אִין וֶועלְכֶער זַייט זָאלִין מִיר זִיךְ אָנְהֵייבִּין צוּ פְרֶעגִין צוּ דֶער מְדִינָה. הָאט עֶר זֵיי גְוֶויזִין מִיט דֶער הַאנְט הָאט אַהֶער (אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וַוייזְט מִיט אִין פִינְגֶער)

**הָאט דֶער מֶענְטְשׁ** פוּן דֶער וַואלְד גִיזָאגְט צוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ. גֵיי אַהִין צוּ דֶער מְדִינָה. אוּן דָארְט וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין גְדוּלָה. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. וִוי זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען.

**הָאבִּין זֵיי זֵייעֶר גִיגְלוּסְט** אַז זֵיי זָאלִין גִיפִינֶען עֶפֶּעס אַ חַיָה אָדֶער אַ בְּהֵמָה. כְּדֵי זֵיי זָאלִין פְּרוּבִּין דִי כְּלִי אוֹיבּ זִי וֶועט קָאנֶען שְׁפִּילְן (כַּנַ"ל) נָאר זֵיי הָאבִּין נָאךְ קֵיין שׁוּם חַיָה נִיט גִיזֶעהְן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי מֶער אִין יִשׁוּב אַרַיין גִיקוּמֶען.

**הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען** עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה. הָאבִּין זֵיי אוֹיף אִיר אַנִידֶער גִילֵייגְט דִי כְּלִי. הָאט זִי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילְן דֶעם נִיגוּן (כַּנַ"ל) זֶענֶען זֵיי אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה. **אוּן דִי מְדִינָה** אִיז גִיוֶוען אַ מוֹיעֶר אַרוּם אִיר אוּן מֶע הָאט אִין דֶער מְדִינָה נִיט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין נָאר מִיט אֵיין טוֹיעֶר. מוּז מֶען אַרוּם גֵיין כַּמָה מַייל בִּיז מֶען קוּמְט צוּם טוֹיעֶר. **זֶענֶען זֵיי אַרוּם גִיגַאנְגֶען** בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר. אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גִיקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר. הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גִיוָואלְט אַרַיין לָאזִין בַּאֲשֶׁר דֶער מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִישְׁטָארְבִּין. אִיז גִיבְּלִיבְּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ גִילָאזְט צַוָואָה** בַּאֲשֶׁר בִּיז אַהֶער הָאט מֶען גִירוּפִין דִי מְדִינָה. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. הַיינְט זָאל מֶען זִי שׁוֹין רוּפִין פַארְקֶערְט דָאס קְלוּגֶע לַאנְד אוּן דֶער נַיירִישֶׁע מַלְכוּת.

**אוּן וֶוער סֶע וֶועט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען**. אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דְהַיינוּ אַז מֶע זָאל וִוידֶער רוּפִין דִי מְדִינָה מִיט דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. דָאס נַיירִישֶׁע לַאנְד אוּן דֶער קְלוּגֶער מַלְכוּת. זָאל דֶער דָאזִיגֶער מֶלֶךְ וֶוערִין.

**אִיבֶּער דֶעם לָאזְט מֶען קֵיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן** נִיט אַרַיין אִין דֶער מְדִינָה. סַיידִין דֶער וָואס עֶר וֶועט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען דָאס דָאזִיגֶע אַז עֶר זָאל אוּם קֶערִין דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען.

**הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט** קָאנְסְטוּ דִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען. אַז דוּ זָאלְסְט דֶער מְדִינָה אוּם קֶערִין דֶעם

עֶרְשְׁטִין נָאמֶען. הָאט עֶר זִיךְ בְּוַודַאי נִיט גִיקָאנְט דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען. **הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין** הָאט אִים דֶער קְנֶעכְט אָן גִירֶעט אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּמְקֶערִין אַהֵיים. נָאר עֶר הָאט נִיט גִיוָואלְט אוּמְקֶערִין זִיךְ. וָוארִין דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה אוּן דָארְט וֶועט עֶר קוּמֶען צוּ זַיין גְדוּלָה.

**דֶערְוַוייל אִיז אַהִין אָנְגִיקוּמֶען** נָאךְ אֵיין מֶענְשׁ. **וָואס עֶר הָאט גִירִיטִין אוֹיף אַ פֶערְד.** אוּן עֶר הָאט גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין. הָאט מֶען אִים אוֹיךְ נִיט גִילָאזְט אַרַיין מַחְמַת דֶעם (כַּנַ"ל)

**דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן** סֶע שְׁטֵייט דָאס פֶערְד פוּן יֶענֶעם מֶענְטְשְׁן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִינוּמֶען דִי כְּלִי. אוּן הָאט זִי אַנִידֶער גִילֵייגְט אוֹיף דֶעם פֶערְד. הָאט עֶס אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילִין דֶעם זֵייעֶר ווּאוֹילִין נִיגוּן (כַּנַ"ל)

**הָאט אִים דֶער מֶענְשׁ** פוּן דֶעם פֶערְד זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפִין. אוּן עֶר הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט. **וָואס קָאנְסְטוּ מִיר גִיבִּין פַאר אַזוֹי אֵיין ווִינְדֶערְלִיכֶע כְּלִי.**

**הָאט דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד** צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס קָאנְסְטוּ דֶען טָאן מִיט דֶער כְּלִי. נָאר דוּ וֶועסְט מַאכִין מִיט אִיר אֵיין קָאמֶעדְיָא אוּן דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ גִילְדְן. אִיךְ קָאן אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס סֶע אִיז בֶּעסֶער פוּן דַיין כְּלִי. אִיךְ וֵייס אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטִירְנְס עֶלְטֶערִין.

**אַז מֶע זָאל זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.** דְהַיְינוּ אִיךְ וֵייס אַזוֹי אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִינְס עֶלְטֶערִין. וָואס דוּרְךְ דֶער זַאךְ קָאן מֶען **זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.** (מֶע זָאל פַארְשְׁטֵיין אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַאךְ) אַז אֵיינֶער רֶעט עֶפֶּעס אֵיין וָוארְט. קָאן מֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶוען.

**אַז מֶע זָאל פַארְשְׁטֵיין** דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר (דְהַיְינוּ אֵיין זַאךְ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער) **אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ** דִי זַאךְ נִיט אוֹיסְגִיזָאגְט פַאר קֵיין שׁוּם מֶענְשְׁן אִין דֶער וֶועלְט. בְּכֵן וֶועל אִיךְ דִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי דָאזִיגֶע זַאךְ. אוּן דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבִּין דִי דָאזִיגֶע כְּלִי דֶערְפַאר.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען** (דְהַיְינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גִיהַאט דִי כְּלִי) סֶע אִיז אֵיין אֶמֶת אֵיין גְרוֹיס חִידוּשׁ אַז מֶע זָאל זַיין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.

**הָאט עֶר אִים אַוֶועק גִיגִיבְּן דִי כְּלִי.** אוּן עֶר (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד) אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אִים אוֹיס גִילֶערִינְט **עֶר זָאל זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.**

**אוּן דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ.** מַחְמַת עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיז עֶר דָארְט אוּם גִיגַאנְגֶען בַּיי דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז יוֹא גִימָאלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ דָאס אוּנְטֶער נֶעמֶען.

**אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין** צוּ דֶער מְדִינָה דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוָוארִין אֵיין מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט חָאטְשֶׁע עֶר הָאט נָאךְ נִיט גְוואוּסְט וִוי אַזוֹי. ווִירְמִיר וֶועט עֶר דָאס קָאנֶען אַז עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דֶעם עֶרְשְׁטִין נָאמֶען צוּ דֶער מְדִינָה.

**נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין** פָּארְט וַוייל עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז סֶע אִיז גִימָאלְט.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פאר'הערן





## די עלוּוטע מעשה - דער בן מלך און דער בן שפחה (6)

**א. פארוועמען האט דער מענטש פון וואלד געגעבן די כלי, ווען ער האט זיי געטראגן אין ישוב?**

- ❑ פאר דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ פאר דער אמת'ער בן המלך
- ❑ פארביידע צו זאמען

**ב. צו וועלכע מדינה האט זיי דער מענטש פון וואלד געזאגט צו גיין?**

- ❑ וואס רופט זיך דאס נארישע לאנד און קלוגער מלכות
- ❑ וואס רופט זיך דאס קלוגע לאנד און נארישער מלכות
- ❑ וואס רופט זיך דאס נארישע לאנד און פארשטענדליכער מלכות

**ג. פארוועמען האט דער מענטש פון וואלד געזאגט אז אין יענע מדינה וועט ער קומען צו זיין גדולה?**

- ❑ צו דער אמת'ער בן המלך
- ❑ צו דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ צו ביידע

**ד. וואס איז געווען ארום דער לאנד?**

- ❑ א מויער (חומה)
- ❑ שומרים
- ❑ א ים

**ה. מ'האט אריין געלאזט אין די לאנד- נאר ווער עס וועט זיך אונטער נעמען אז מ'זאל צוריק רופן די מדינה...?**

- ❑ די נארישע לאנד און קלוגער מלכות
- ❑ די קלוגע לאנד און נארישער מלכות
- ❑ די נארישע לאנד און פארשטענדליכער מלכות

**ו. וואס האט אים דער מענטש פונעם פערד געגעבן פאר די כלי?**

- ❑ גאלד און זילבער
- ❑ ער האט אים געלערנט צו זיין א מבין דבר מתוך דבר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט דער אמת'ער בן המלך פארשטאנען נאכדעם וואס ער איז געווארען א מבין דבר מתוך דבר?**

- ❑ ער האט פארשטאנען אז ער וועט נישט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די ערשטע נאמען "די נארישע לאנד און קלוגער מלכות"
- ❑ ער האט פארשטאנען ווי אזוי ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען
- ❑ ער האט פארשטאנען אז ער וועט קענען צוריק קערן פאר די מדינה די נאמען –כאטש ער ווייסט נישט וויאזוי

ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט

## טיפער געטראכט

פון וועמען האט מקבל געווען דער מענטש פון די פערד צו זיין א מבין דבר מתוך דבר ?

פון וועמען האט מקבל געווען דער מענטש פון דער וואלד די כלי וואס שפילט דער ניגון? (וואס מיר האבן געלערנט די פריערדיגע וואך)

וויפל מאל שטייט בי די מעשה "מבין (פארשטייט) דבר מתוך דבר" ?

וויפל מענטשן וואס האבן געשטאנען ביים טויער פון די מדינה וואס האבן געווען א מבין דבר מתוך דבר ?

**תשובות אויף די מעשה פון דער בן מלך און דער בן שפחה (5)**

דער בן מלך האט געזאגט אדער גיטראכט די ווערטער: "אִיךְ וֶועל שׂוֹין וִויסְין וְוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְין מִיט דִיר" ? **געטראכט**

דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׂטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com